ביז מ'וועט זוכה זיין בקרוב ממש צו דעם זמן ווען עס וועט זיין "כולה משקה" לעתיד לבוא (כתורת אדה"ז[152]), וואס דעמולט וועט זיין א גרויסער חסיד'ישער פארברענגען, און משיח וועט זאגן א געשמאקן מאמר חסידות – ילמד את כל העם כולו פנימיות התורה[153], ומתוך שמחה וטוב לבב!

[המסובים אמרו "לחיים". א' עמד וסיפר מאורע שקרה אתו ברוסי'. ואח"כ אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א: וויבאלד אז ער געדענקט די מעשה מיט די אלע פרטים – איז א ראי' אז ער האלט נאך ניט בא "עד דלא ידע"! אח"כ השתדל הנ"ל עוה"פ לספר משהו, אבל הקהל ניגנו בחוזק ולא נתנו לו לדבר, ואמר ע"ז כ"ק אדמו"ר שליט"א: ס'וועט אייך סיי-ווי ניט העלפן, ווארום ער האט נאך א סך וואס ער וויל דערציילן!

אח"כ אמר אודות הנ"ל: אויב ער מאכט אזוי גוט ווען ער האלט נאך בא "ידע", קען מען שוין פארשטיין ווי גוט ער וועט מאכן ווען ער וועט האלטן בא "עד דלא ידע".

אח"כ: אויב יענער וועט ממשיך זיין ביז ער וועט צוקומען צו "עד דלא ידע" וועט ניט בלייבן קיין צייט צו פארענדיקן דעם ביאור בפרש"י וכו'. דארף מען שנעלער ארייננכאפן.

* * *

מא. ס'איז אויך רגיל לאחרונה זיך צו אפשטעלן אויף אן ענין אין דעם שיעור רמב"ם היומי.

היינטיקער שיעור רמב"ם איז פרקים ז-ט אין הלכות סנהדרין.

וועט מען זיך אפשטעלן אויף אן ענין אין נגלה, און דערנאך ובעיקר – ווי דאס איז אין רוחניות הענינים.

בריש פרק ט' פון הל' סנהדרין שרייבט דער רמב"ם: "סנהדרין[154] שפתחו כולם בדיני נפשות תחלה ואמרו כולן חייב הרי זה פטור עד שיהיו שם מקצת מזכין שיהפכו בזכותו וירבו המחייבין ואחר כך יהרג".

ומקור הדברים איז פון גמרא אין סנהדרין[155]: "אמר רב כהנא סנהדרי שראו כולם לחובה פוטרין אותו", און גיט צו דעם טעם הדבר: "מ"ט כיון דגמירי הלנת דין למעבד לי' זכותא (שאם לא מצאו

---

152) המשך וככה תרל"ז פמ"ו. 153) ראה פרש"י שה"ש א, ב. 154) ובדפוס ויניציאה: סנהדרי גדולה. 155) יז, סע"א.

לו זכות יום ראשון מלינין אותו למחרת שמא ימצאו להם טעמי זכות) והני תו לא חזו לי'".

שרייבט דער רדב"ז (אויפן רמב"ם): "נראה מדברי רבינו דדוקא סנהדרי גדולה אבל סנהדרי קטנה שפתחו כולם לחובה לא היו פוטרים אותו.

[און אפילו לויט די דפוסים שלפנינו וואו עס שטייט "סנהדרין (סתם) שפתחו כולם כו'" - איז אבער דערפון וואס בהלכה שלאחרי' שטייט "סנהדרי קטנה", און דארטן שטייט ניט דער דין אז פתחו כולם לחובה איז ער פטור - איז מובן אז "סנהדרין" סתם בהלכה זו מיינט סנהדרין גדולה, און דוקא בא סנהדרין גדולה איז דער דין אז "פתחו כולם כו'"].

"וקשיא לי דרב כהנא סתם סנהדרין שראו כולם לחובה ומשמע בין גדולה בין קטנה, ותו דטעמי' דרב כהנא שייך בין בגדולה בין בקטנה כו' [ויש להוסיף - אז אדרבה: ס'איז מער שכיח אז אין א סנהדרין קטנה, וואס באשטייט נאר פון כ"ג אנשים, זאל זיין "אמרו כולן חייב", איידער אין א סנהדרין גדולה וואס באשטייט פון שבעים ואחד]. ולפיכך אני סובר דלרבותא נקט סנהדרי גדולה דסד"א אין אחר דבריהם כלום ואי לאו דקים להו דבר קטלא הוא לא היו פותחין כולם לחובה וקטלינן לי', קמ"ל דפוטרין אותו מידי דהו לא חזו לי' זכותא". ד.ה. אז דער דין איז אפילו בא סנהדרין גדולה (אע"פ וואס אין אחר דבריהם כלום), ובמכ"ש וק"ו ביי א סנהדרין קטנה.

אבער ס'איז א דוחק אזוי צו זאגן. ווארום לפי"ז האט דער רמב"ם געדארפט שרייבן דעם דין נאכדעם ווי ער רעדט (אויך) וועגן סנהדרין קטנה, וואס דעמולט וואלט עס כולל געווען אז דער דין איז בא ביידן, סיי בסנהדרין גדולה און סיי בסנהדרין קטנה (ובפרט אז דער דין איז מער שכיח ביי א סנהדרין קטנה ווי ביי א סנהדרין גדולה, כנ"ל).

דערפון וואס ער שרייבט עס נאר וואו ער רעדט וועגן סנהדרין גדולה ("סנהדרין" סתם), איז פארשטאנדיק אז דער רמב"ם האלט טאקע אז דער דין איז נאר ביי סנהדרין גדולה און ניט ביי סנהדרין קטנה.

והטעם לזה[156]: ווייל אויב א סנהדרין קטנה "ראו כולן לחובה", איז כאטש מ'איז יענעם ניט מחייב, קען מען אים אבער

---

156) ראה אור שמח לרמב"ם כאן.



SichosKodesh.com

אויך ניט פוטר זיין - ווארום מ'האט א ברירה דאס אפצושיקן לסנהדרין קטנה שני', עאכו"כ לסנהדרין גדולה, אז זיי זאלן דן זיין בזה. ווי דער דין איז[157] אז ווען א ב"ד קטן יותר קען ניט פסק'נען א שאלה, גייט מען צו אן אנדער ב"ד, ביז צו א ב"ד גדול יותר, ביז צו סנהדרין גדולה. דערפאר שרייבט ניט דער רמב"ם דעם דין פון "אמרו כולם חייב" ביי א סנהדרין קטנה - ווייל דארטן איז טאקע ניטא דער דין, נאר מ'שיקט עס אפ לסנהדרין השני' אדער לסנהדרין גדולה; משא"כ א סנהדרין גדולה וואס "אמרו כולן חייב" - איז דאך ניטא קיין סנהדרין למעלה מהם, ואין אחר דבריהם כלום, קען מען עס ניט שיקן צו אן אנדער סנהדרין - דערפאר איז דער דין אז ער איז פטור.

מב. תורה איז דאך תורת אמת און א תורה וואס דארף זיין פארשטאנדיק בשכל האדם - דארף מען פארשטיין: וואס איז דער טעם בשכל פארוואס "סנהדרין שפתחו כולם בדיני נפשות תחלה ואמרו כולן חייב, הרי זה פטור, עד שיהיו שם מקצת מזכין שיהפכו בזכותו וירבו המחייבין ואחר כך יהרג":

מ'רעדט דאך דא וועגן א סנהדרין גדולה, וואס מקומה איז געווען אין לשכת הגזית, און די חברי הסנהדרין זיינען באשטאנען פון גדולי וחכמי ישראל, וואס זיינען דן א דין לאמיתו, און מ'פארלזאט זיך אויף זייערע פסקי דינים בכל הענינים, און בשעת "אמרו כולן חייב" איז פארשטאנדיק אז זיי זיינען דערצו געקומען לאחרי א דיון ע"פ תורה, און נאכמער: בדיני נפשות עצמן - ווען רוב הסנהדרין זיינען מחייב און נאר צוויי זיינען מזכה - איז ער חייב, אעפ"כ זאגט מען אז ווען "כולן אמרו חייב - הרי זה פטור"?!

מג. האט מען געקענט ענטפערן - ובהקדמה:

וויבאלד אז תורה איז תורת חסד - זיינען די עונשי התורה ניט (אן ענין שלילי -) צוליב מעניש זיין און נוקם זיין אין דעם מענטשן וואס האט עובר געווען אן עבירה, נאר (אן ענין חיובי -) בכדי צו אראפוואשן דעם דבר בלתי רצוי וואס האט זיך אויף אים אנגעקלעפט און מאכן א תיקון בנפש החוטא[158]. וכמארז"ל[159] בנוגע צו עכן (וואס ער האט עובר געווען אויף חמשה חרמים[160]) "ביום הזה אתה עכור ואי אתה עכור לעולם הבא", ד.ה. אז דורך דעם עונש

---

157) ראה רמב"ם הל' ממרים פ"א ה"ד. 158) לקו"ת מטות פו, ב. קרח נג, ד. נשא כה, ג. לקו"ש חכ"ב ע' 71 ואילך. חכ"ג ע' 96 ואילך. 159) סנהדרין מג, ב במשנה. 160) סנהדרין שם בגמרא.

פון "עכור אתה" בעוה"ז, טוט עס אויף א תיקון ועניין חיובי אז "אי אתה עכור לעולם הבא"[161]. וע"ד מאחז"ל[162] עה"פ[163] "ונקלה אחיך לעיניך" - "כשלקה הרי הוא כאחיך", דורך דעם עונש מלקות ווערט ביי אים א תיקון ועילוי - אז "אחיך הוא".

עפ"ז איז פארשטאנדיק, אז ע"פ תורה גיט מען אים אן עונש נאר ווען דערפון וועט ארויסקומען א תיקון. אבער אויב ס'איז דא א פאל אז דער מענטש האט עובר געווען אויף אזא עניין חמור אז קיין עונש קען אים ניט מתקן זיין, אפילו דער עונש מיתה - "עכור אתה" בעוה"ז וועט ניט אויפטאן אז "אי אתה עכור לעוה"ב", מצד דעם חומר העון - גיט מען אים דעמולט ניט קיין עונש!

און דערפאר איז דער דין אז ווען די סנהדרין גדולה "אמרו כולן חייב" - וואס דאס ווייזט אז אויך בב"ד של מעלה איז "אמרו כולן חייב" - ד.ה. אז קיינער פון גאנץ סנהדרין למטה (ולמעלה) געפינט אויף אים ניט קיין שום זכות, נאר "אמרו כולן חייב", הייסט עס אז ער איז אזא וואס דער עונש מיתה וועט אים ניט מתקן זיין בכדי ער זאל באקומען א חלק לעוה"ב, ווייל אויך למעלה "אמרו כולן חייב" - דערפאר איז דער דין אז ער איז פטור.

וע"ד הביאור אויף דעם דין[164] בנוגע צו עדים זוממין (וואס ע"פ עדותם האט מען דן געווען איינעם למיתה און דערנאך זיינען געקומען אנדערע עדות און האבן מגלה געווען אז די ערשטע עדות זיינען עדים זוממין), אז "לא הרגו (קודם שהוזמו) נהרגים, הרגו אין נהרגים", כמ"ש[165] "ועשיתם לו כאשר זמם לעשות לאחיו", "כאשר זמם ולא כאשר עשה".

איז ידוע דער ביאור הרמב"ן[166] בזה: וויבאלד אז נהרג איז א ראי' אז "הי' אמת כל אשר העידו עליו הראשונים כי הוא בעונו מת, ואילו הי' צדיק לא יעזבנו ה' בידם כו', ועוד שלא יתן ה' השופטים הצדיקים העומדים לפניו לשפוך דם נקי כו', הקב"ה מסכים על ידם ועמהם בדבר המשפט כו'".

ונוסף לזה איז דא א צווייטער ביאור אויף דעם וואס "הרגו אין נהרגים" פון דעם כסף משנה[167]: "משום דגדול עונשם מנשוא [ע"פ עדות שקר האבן זיי גע'הרג'ט א מענטשן, און דערצו מכשיל

---

161) לקו"ת מטות שם. ובשאר מקומות שבהערה 158. 162) מכות כג, סע"א במשנה. 163) תצא כה, ג. 164) מכות ה, ב. חולין יא, ב. רמב"ם הל' עדות פ"כ ה"ב. 165) שופטים יט, יט. פרש"י שם. רש"י חולין שם. 166) שופטים שם. וראה גם כס"מ לרמב"ם שם בביאור הב'. 167) לרמב"ם שם - ביאור הא'.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

געוועז א בית דיז!) איז ראוי לתת להם מיתת ב"ד שתכפר עליהם כו'".

ועד"ז יש לבאר הטעם פארוואס "אמרו כולן חייב הרי זה פטור" - ווייל דאס ווייזט אז זיין עבירה איז אזוי גרויס אז דאס וועט אים ניט מתקן זיין, און וויבאלד אז כל עונשי התורה איז תכליתם - תיקון, דערפאר איז ער פטור.

מד. דאס איז אבער א ביאור ניט בזכותן של ישראל. דערפאר יש לומר אן אנדער ביאור למעליותא:

יעדער איד, ניט קוקנדיק אויף זיין מעמד ומצב, האט אין זיך טוב וזכותים. כמאחז"ל[168] "אע"פ שחטא ישראל הוא". ובלשון התניא[169] "גם בשעת החטא היתה באמנה אתו ית'". עס קען אבער אמאל זיין אז ער זאל עובר זיין אויף ענינים וועלכע זיינען אזוי חמור אז זיי פארדעקן אויף דעם טוב וזכות שבו, אזוי אז מענטשן ארום אים קענען עס ניט זען.

און דעריבער: בשעת ס'איז דא א פאל וואס "סנהדרין שפתחו כולם בדיני נפשות תחלה ואמרו כולן חייב" - קיין איין און איינציקער פון זיי האט ניט געקענט געפינען א זכות אויף דעם אידן, אע"פ וואס (תורת אמת איז מעיד אז) ער האט זיכער א זכות ("גם בשעת החטא היתה באמנה אתו"), און סנהדרין איז אנגעזאגט געווארן צו געפינען דעם זכות, "ושפטו גו' והצילו"[170] - איז א ראי' אז די חברי הסנהדרין האבן ניט געזען דעם מענטשן ווי ער איז באמת (טאקע ניט מצד זייער חסרון מצ"ע, נאר מצד דעם מצב ירוד פון דעם אידן וואס פארדעקט אויף זיין זכות אז די סנהדרין קענען עס ניט זען) - און דערפאר זאגט תורה אז אין אזא פאל קענען זיי ניט פסק'נען, און דעריבער "הרי זה פטור".

אויב עכ"פ איין חבר אין סנהדרין וואלט געזאגט אז ער זעט אויף אים א זכות, ואע"פ שחטא ישראל הוא וכו' - וואלט דאס געווען א ראי' אז מ'האט געזען דעם מענטשן ווי ער איז באמת, און מ'נעמט אן דער פסק פון רוב הסנהדרין אז ער איז חייב; אבער אויב "אמרו כולן חייב", אע"פ וואס ס'איז א דבר ברור אז יענער האט א זכות - איז א ראי' אז דער סנהדרין זעט אים ניט באמת (ניט מצד זייער שולד, נאר מצד זיין מצב ירוד ביותר), דערפאר נעמט מען ניט אן זייער פסק, און ער איז פטור.

---

168) סנהדרין מד, א. 169) פכ"ד. 170) מסעי לה, כד-כה.

הנחת הת' בלתי מוגה

וע"ד ביאור האחרונים* בדין זה, אז אויב אלע שבעים ואחד חברי סנהדרין, אע"פ וואס "אין דיעותיהן שוות"[171] וכו' "אמרו כולן חייב", איז א ראי' אז בא די חברי הסנהדרין האט געפעלט אין כובד לב והתבוננות ועיון אין דעם ענין. דערפאר נעמט מען ניט אן זייער פסק (אז ער איז חייב), און "הרי זה פטור".

אבער דער ביאור גופא איז ניט פארשטאנדיק - וויל ווי קען מען זאגן אויף אלע שבעים ואחד חברי סנהדרין גדולה, וואס זיצן אין לשכת הגזית, און ס'איז ידוע גודל חכמתם ומעלתם - אז בא זיי האט געפעלט אין כובד לב והתבוננות ועיון אין דעם דין?! נאכמער: מ'נעמט אן דעם פסק פון די זעלבע סנהדרין וואס זיי האבן ארויסגעגעבן און וואס זיי וועלן פסק'נען מארגן - אפילו בדיני נפשות - היינט ווי קען מען זאגן אז היינט נעמט מען ניט אן זייער פסק וויל עס פעלט בא זיי אין זייער עיון והתבוננות כו'?!...

משא"כ בשעת מ'גיט צו נאך אן ענין בזה, אז "אמרו כולן חייב" ווייזט ניט אויף א חסרון אין סנהדרין מצ"ע, נאר דער חסרון איז אין דעם אדם, אז ביי אים איז אזא מצב ירוד אז זיין טוב וזכות איז בהעלם והסתר, אזוי אז אלע חברי סנהדרין קענען עס ניט זען, ניט דערפאר וואס עס פעלט אין זייער עיון - זיי האבן געטאן כל התלוי בהם צו אויספארשן און זיי זעען אלץ וואס איז ניכר אויף דעם מענטשן (ווי גוט זיי קענען עס זען), אבער מצד זיין מצב ירוד איז געווארן אז זיין זכות איז אינגאנצן באהאלטן - איז פארשטאנדיק ווי בא זיי האט געקענט זיין "אמרו כולן חייב", אע"פ וואס זיי זיינען אין סנהדרין גדולה מיט די אלע מעלות שבדבר.

און אזוי איז מסתבר בפשטות צו זאגן (אז דער חסרון איז ניט אין די שבעים ואחד חברי סנהדרין נאר אין דעם אדם אחד וועמען זיי זיינען דן) - וויל ווען מ'האט צוויי ברירות: איין ברירה, אז דער חסרון איז אין שבעים ואחד אנשים, ניט קוקנדיק אויף די אלע חילוקים שביניהם, "אין דיעותיהן שוות", האבן זיי אלע געמאכט א טעות, אדער א צווייטע ברירה, אז דער חסרון איז אין אן אדם אחד (וועמען זיי זיינען דן) - איז פארשטאנדיק בפשטות, אז מ'זאגט אז דער חסרון איז אין דעם אדם אחד.

וראי' לזה - פון דעם דין[172], אז ווען מ'געפינט א בינטל פון כמה שטרות פון איין מלוה און כמה לווים, קערט מען עס אום דעם מלוה, ועד"ז א בינטל פון כמה שטרות פון איין לוה און כמה

---

171) ראה ברכות נח, רע"א. סנהדרין לח, א. 172) ב"מ כ, א במשנה.



SichosKodesh.com

מלוים, קערט מען עס אום דעם לוה - ווייל דער צד השוה ונקודה משותפת פון די אלע שטרות וועגט איבער די חילוקים ביניהם, ד.ה. ס'איז מער מסתבר לומר אז דער מלוה אחד האט פארלארן די שטרות איידער זאגן אז יעדער לוה באזונדער האט פארלארן דעם שטר (ועד"ז פארקערט - אין א פאל ווען זיי זיינען שטרות פון איין לווה). דערפאר קערט מען אום צו דעם וואס זיין נאמען שטייט אויף אלע שטרות.

עד"ז בעניננו: וויבאלד אז מ'האט צוויי ברירות - זאגן אז דער חסרון איז אין דער צד השוה ונקודה משותפת אין דעם אדם אחד, אדער זאגן אז דער חסרון איז אין די חילוקים, אין די שבעים ואחד חברי סנהדרין, וואס "אין דיעותיהן שוות" - זאגט מען אז דער חסרון איז אין דעם אדם אחד, ובעניננו: די חברי סנהדרין זיינען מצ"ע בשלימות, זייער עיון והתבוננות אין דעם דין איז מצ"ע בשלימות, זיי האבן געטאן כל התלוי בהם צו אויספארשן און זוכן א זכות אין דעם מענטשן. אבער מצד דעם וואס דער מצב האדם (אחד) איז ירוד ביותר, איז דער טוב וזכות שבו בהעלם און די חברי סנהדרין קענען עס ניט זען.

אבער וויבאלד אז די חברי סנהדרין זען ניט דעם זכות אין דעם אידן, אע"פ וואס ער האט זיכער א זכות, און סנהדרין זיינען מצווה צו געפינען א זכות - האט תורה גע'פסק'נט אז דאס וויזט אז מ'זעט ניט דעם מענטשן ווי ער איז באמת - דערפאר "הרי זה פטור", און מ'לאזט אים גיין.

ואע"פ אז עס קען זיין אז יענער איז טאקע חייב און אים קומט אן עונש - איז "לא ידח ממנו נדח"[173], און דער אויבערשטער וועט זיך שוין פארנעמען מיט אים און אים געבן דעם עונש המתאים לו, כדברי חז"ל[174] עה"פ[175] "ואשר לא צדה והאלקים אנה לידו", "שני בני אדם שהרגו את הנפש אחד הרג בשוגג ואחד הרג במזיד, לזה אין עדים ולזה אין עדים, הקב"ה מזמינן כו' זה שהרג במזיד נהרג וזה שהרג בשוגג גולה".

מה. דערפון האט מען א לימוד זכות נפלא אויף יעדער אידן:

יעדער איד, ניט קוקנדיק אויף זיין מעמד ומצב, אפילו אויב מ'זעט אויף אים ניט קיין זכות, אפילו אויב א סנהדרין גדולה זעען אין אים ניט קיין זכות, און ניט מצד זייער חסרון, נאר מצד מצב הירוד פון דעם אידן - דארף מען וויסן אז ער האט אין זיך זיכער

---

173) ע"פ שמואל ב יד, יד. 174) מכות י, ב. 175) משפטים כא, יג.

הנחת הת' בלתי מוגה

טוב וזכות, ווארום "אע"פ שחטא ישראל הוא", ניט נאר "יעקב", נאר "ישראל", און אפילו אויב ער איז אזא וואס "בשם ישראל יכונה"[*175], איז ער אויך א "ישראל" אמיתי - ועד כדי כך אז דערפאר פסק'נט אפ תורה אז אפילו אויב "אמרו כולן חייב", איז ער פטור, ווייל ער האט זיכער א זכות!

דערפון איז מובן דער לימוד במכ"ש וק"ו בנוגע צו אזוינע וואס זיינען ניט בדרגת סנהדרין גדולה - אז אויב זיי קומען אלע און זאגן אויף א אידן אז ער איז "חייב", און זאגן ניט אז "אע"פ שחטא ישראל הוא" - באווייזט עס אז זיי זען ניט מצבו האמיתי, און דערפאר איז ער "פטור", און "לא ידח ממנו נדח", דער אויבערשטער וועט זיך מיט אים פארנעמען.

מו. דעם ענין זעט מען אויך אין פורים:

בא אידן איז ניט געווען אפילו קיין "מחשבת חוץ"[176]. אעפ"כ איז המן געקומען און האט מקטרג געווען אויף אידן, ביז ס'איז ארויסגעקומען א גזירה קעגן אידן וואס איז שוין נחתם געווארן למטה, און אויך נחתם געווארן אין ב"ד שלמעלה[178] - אז אידן זיינען "חייב" ר"ל.

אעפ"כ זיינען מרדכי ואסתר ניט נתפעל געווארן, וויסנדיק אז ניט קוקנדיק אויף חתימת הגזירה בב"ד שלמעלה, האבן אידן אין זיך טוב וזכות - און זיי האבן מעורר געווען אידן צו תשובה, און מרדכי האט צוזאמענגעקליבן קליינע אידישע קינדער און מיט זיי געלערנט הלכות מצות העומר[179], און דורך דעם מבטל געווען די גזירה!

ויש לקשר זה אויך מיט פרשת השבוע: כמדובר לעיל אין מאמר[180], אז אע"פ וואס ס'איז א מצב פון "עובר על הפקודים", איז אבער "נפש כי תחטא - תווהא", "אע"פ שחטא ישראל הוא" - דערפאר ווערט (דורך מחצית השקל) נהפך פון "עובר על הפקודים" צו א מצב נעלה ביותר פון "דעבר עלימא", קרי"ס[181], ביז אז עס ווערט "תשא את ראש בני ישראל".

מז. ויש לקשר זה אויך מיטן רמב"ם:

דער רמב"ם האט געשריבן דעם ספר "מורה נבוכים" פאר די

---

*175) ל' מכתב כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ ט"ו סיון תרפ"ח (אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' פ. 176) תו"א צז, א. ובכ"מ. 177) ראה מגילה יב, א. אסת"ר פ"ז, יג. 179) ראה אסת"ר פ"י, ד. 180) ד"ה כי תשא שנאמר בההתוועדות. 181) ירושלמי שקלים פ"א סה"ג.

הנוות הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com